# דברי התעוררות

שהושמעו ע"י

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**הרה"ג דומ"ץ דקהלתינו שליט"א**

**הרה"ג דומ"ץ זכרון יהודה שליט"א**

## אצל אסיפת התעוררות

בבית הכנסת דקהל עדת יראים וויען

בארא פארק

ער"ח ניסן תשע"ו לפ"ק

יוצא לאור

**בפרוס הפסח שנת תשע"ו לפ"ק**

# דברות קודש

## אצל אסיפת התעוררות

### ער"ח ניסן תשע"ו לפ"ק

**מ'האט** שוין פריער ארויסגעברענגט פארוואס מ'איז זיך צאמגעקומען, תפלה בעת צרה ס'האט זיך געמאכט ביי אונז אין קהילה אזא פאל, ליגט אויף יעדעם איינעם א פליכט זיך נישט פורש צו זיין מן הציבור, און מתפלל זיין און בעטן פונעם אייבערשטן אויף רפואות און ישועות וואס ס'פעלט אוים.

**מ'געפינט** די וואך אין די פרשה, די פרשה פון נגעים. אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת או בהרת והיה בעור בשרו לנגע צרעת, והובא אל אהרן הכהן או אל אחד מבניו הכהנים. זאגט די תורה מ'זאל אים ברענגן צו אהרן הכהן אדער צו איינע פון די קינדער פון די כהנים. און די תורה געבט די הלכות אז דער כהן זאל באקוקען דעם נגע און דער כהן זאל אפפסקנ'ען דעם מענטש וואס ער דארף צו טון.

**די** גמרא זאגט אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה. יעדע זאך וואס א מענטש גייט אדורך, איז נישט קיין מקרה אז ס'האט פאסירט אז ער איז ל״ע נישט געזונט, ס'האט פאסירט א אומגליק. ס'איז נישט דא קיין זאך וואס פאסירט אויף די וועלט וואס איז נישט מיט א חשבון אויסגערעכענט אויבן פון הימל, וואס מ'רופט אוים. יעדע קלאפ אין א פינגער וואס א מענטש באקומט איז עס מיט אן הכרזה אויבן פונעם הימל.

**און** דער סיבה פארוואס דער אייבערשטער ברענגט עס, איז ווייל דער אייבערשטער וויל מעורר זיין דער מענטש ער זאל זיך צוריקקערן צו דער אייבערשטער. אמאל איז דא וואס דער מענטש אליין האט זיך עפעס פארזינדיגט. ער האט געטון א זאך וואס מ'דארף נישט, און ער איז זיך נישט משים לב אויף וואס ער טוט. טוט עס דער אייבערשטער ברענגן א געוויסע צער א געוויסע צרה, און דורך דעם ווערט ער נתעורר אז ער זאל זיך צוריקקערן צום אייבערשטען.

**אמאל** איז דא וואס דער מענטש איז אינגאנצען אומשולדיג, ס'האט

גארנישט צו טון מיט אים. ער איז נאר א קרבן פונעם ציבור וואס אנשטאט'ס שטראפן דעם גאנצען ציבור האט דער אייבערשטער גענומען איינעם, און דער באשעפער שיקט עס אויף אים, און די סבה דערפון איז נישט ער, דער סבה איז דער ציבור. און אזוי שטייט אין די גמרא כי תצא אש ומצאה קוצים ונאכל גדיש או הקמה זאגט די גמרא, אין הפרעניות בא בעולם אלא בשביל הרשעים. א פרעניות קומט וועגן רשעים, מ'האט געזינדיגט, אבער ואינה מתחלת אלא מן הצדיקים. ס'מיינט נישט אז ס'הייבט זיך אן ביי דעם רשע. דער רשע אסאך מאל פעהלט אים גארנישט, ס'הייבט זיך נאר אן פון די צדיקים, שנאמר ונאכל גדיש או הקמה, דער נאכל איז ביי דעם גדיש. אבער אז ס'האט פאסירט איז עס מיט א הכרזה אויבן פון הימל וואס מ'האט פון הימל אזוי צוגעפירט אז עס זאל אזוי פאסירן.

**אין** די גמרא שטייט אז נגעים האט אויך א סדר, סהייבט זיך נישט אן מיט נגעי אדם, ס'איז דא נגעי בתים ס'איז דא נגעי בגדים און ס'איז דא נגעי אדם אויך. אין מדרש שטייט אין בעל הרחמים פוגע בנפשות תחלה, א מענטש באקומט נישט קיין פראבלעם תיכף אין זיין נפש. די ערשטע זאך וועז דער אייבערשטער שטראפט דער מענטש הייבט זיך עס אן אינעם בית, אין זיין הויז באקומט ער א נגע. ער באקומט אין זיינע ביזנעס, אין זיין פרנסה הייבט זיך אן א התרשלות. און דער וואס האט שכל טוט תיכף ביי די ערשטע מאל וועז ער באקומט דעם נגע, איז ער זיך משים אל לבו וואס ער דארף צו טון. אז ס'העלפט נישט די נגעי בית, קומט עס אן נאנטער צו די מענטש, און ס'קומט א נגע אויף זיין בגד. און טאמער ער ווערט נאך אלץ נישט נתעורר דעמאלטס ערשט קומט א נגע אויפן אדם. אז ס'קומט שוין א נגע אויפן אדם איז טייטש אז דער מענטש האט זיך נישט גענוג מתבונן געווען פארדעם וועז ער האט באקומען די ערשטע סיגנאל פונעם אייבערשטען, אז עפעס איז נישט אין ארדענונג, האט ער נישט משים געווען אל לבו.

**און** אז מ'גלייבט אז אלעם וואס דער אייבערשטער טוט איז מיט א חשבון ווייל מ'דארף מתקן זיין די מעשים, פארשטייט ער אז דער עיקר איז נישט צו זוכן א רפואה ביי א דאקטער, ווייל דעם איז נאר אזוי ווי מ'ליגט א צודעק אויף די מכה. ס'איז דא א אינעווייניגע סבה פארוואס דאס איז געקומען, און ביז מ'וועט נישט אוועק נעמען די סבה פארוואס דאס איז געקומען, אזוי לאנג וועט זיך די מכה נישט אויסהיילן. ווייסט ער אז דער עיקר איז מתפלל צו זיין און בעטן פונעם אייבערשטען אז דער באשעפער זאל זיך מרחם זיין, דער באשעפער זאל שיקן די רפואה. פאר זיך

אליין טראכטן וואס קען איך טון מתקן צו זיין מיינע מעשים. יעדער איינער קען ביי זיך טרעפן א געוויסע נקודה וואס ער איז שוואך, וואס ער נעמט אויף זיך אביסל זיך משתדל זיין מער און טון פאריך אייבערשטענס וועגן.

**די** הפטורה די וואך ווען ס'קומט אויס פרשת תזריע, איז די הפטורה פון נעמן. נעמן איז געווען א שר צבא פון ארם, און ער איז געווען א מצורע. און מ'האט אים געזאגט אז עס איז דא א נביא וואס מ'קען קומען צו אים און דער נביא קען היילן. איז ער געגאנגען צו דער נביא צו אלישע איש אלקים, און ער האט זיך פארגעשטעלט פאר אלישע אז ער איז א מצורע און ער דארף א רפואה. האט אלישע אים ;געשיקט זאגן הלוך ורחצת שבע פעמים בירדן, זאלסט זיך גיין וואשען זיבען מאל אינעם ירדן. וישוב בשרך לך וטהר, וועט צוריק קומען דיין בשר אזוי ווי עס איז געווען פארדעם, און די וועסט זיין ריין.

**דער** נעמן האט זיך געבייזערט, איך האב געמיינט אז דער איש האלקים וועט ארויסקומען צו מיר. וקרא בשם ה' אלקיו ער וועט מיר מאכבן עפעס א מופת, והניף ידו אל המקום ואסף המצורע. ער וועט אויפהייבן די הענט און דורך דעם וועט אוועקגיין די צרעת. און דערווייל זאגט ער מיך איך זאל מיך גיין באדען אינעם ירדן. הלא טוב אבנה אמנה ופרפר נהרות דמשק מכל מימי ישראל. איך האב אנדערע רפואות אויכעט. ביי אונז אין די געגנט איז דא בעסערע וואסערען וואו דער ירדן, וואס שיקט ער מיך אין דעם ירדן? וילך בחמה, ער האט זיך געבייזערט און ער איז אוועקגעגאנגען.

**האבן** די עבדים אים געזאגט, דבר גדול הנביא דיבר אליך, דער נביא האט גערעדט צו דיר א גרויסע זאך. הלוא תעשה, ווען דער נביא הייסט דיך טון א גרויסע זאך וואלסט עס דאך געטון, ואף כי אמר אליך רחץ וטהר, ער זאגט דיר גיי וואש דיך אפ וועסטו ריין ווערן, פארוואס זאלסטו אים נישט פאלגען? איז ער אראפגעגאנגען און ער האט זיך געוואשן זיבן מאל אינעם ירדן, וישב בשרו כבשר נער קטן, די קערפער האט זיך אים געטווישט אזוי ווי א נער קטן.

**שטייט** פון ייטב לב אין זיין ספר רב טוב, זאגט ער אז ער האט אים אזוי געזאגט. ס'איז דא א נגע איז די עצה נישט זוכען א רפואה דערויף. די עצה דערויף איז מ'דארף מתקן זיין און וויסן פארוואס דו האסט באקומען די נגע. על שבעה דברים נגעים באים, די גמרא רעכנט אויס אויף זיבן ערליי זאכן איז דא וואס קען ברענגן א נגע. אז די ווילסט ריין ווערן פון דעם נגע, גיי אראפ אינעם ירדן און טובל דיך זיבן מאל. האט ער

געמיינט צו זאגן וואש דיך אפ פון די זיבן זאכן וואס ברענגן די נגעים. וטהר וועסטו ווערן ריין. ער האט אים נישט געזאגט די וועסט געהיילט ווערן, וטהר דו וועסט גערייניגט ווערן. די דארפסט זיך רייניגן פון די זיבן זאכן וואס האבן געברענגט די נגעים, און דעמאלטס וישב בשרו וועסטו ווערן אזוי ווי א נער אזוי ווי א יונג קינד, ווייל א בעל תשובה ווערט אזוי ווי א קטן שנולד דמי.

**ער** האט אבער פארשטאנען אז מ'מיינט פשוט זיך וואשן זיבן מאל אינעם וואסער. האט מען אים געזאגט, אז דער נביא האט דיר געזאגט א דבר גדול. ער האט נישט געמיינט סתם זיך וואשן, ער האט געמיינט אז טאמער וועסטו מתקן זיין דיינע מעשים וועסטו זעהן אז דער אייבערשטער וועט דיר העלפן און דו וועסט געהיילט ווערן. און אזוי איז געווען.

**ווען** ס'איז דא א פאל וואס לייע מ'איז נישט געזונט, צו ס'מאכט זיך א אנדערע פראבלעם אינעם שטוב. אודאי דארף מען זוכען בדרך הטבע. נאך וואס דער אייבערשטער האט עס שוין צוגעשיקט, מוז מען טון השתדלות בדרך הטבע זיך צו היילן. אבער נישט לייגן דעם קאפ אויף דעם רפואה, לייגן דעם קאפ אויף תפלה. מתפלל זיין און מתקן זיין די מעשים וואס מ'האט געזינדיגט, דעמאלטס וועט ממילא העלפן די אלע זאכן וואס מיטוט. א רפואה פון א דאקטער, אמאל געלונגט עס, און אמאל געלונגט עס נישט, וואו אזוי מ'רופט אוים אויבן אין הימל. דאס אז מ'זאל אויסרופען אין הימל אז די רפואות זאלן ברענגן דעם תכלית, דאס ווענדט זיך אין אונזערע מעשים אין אונזערע תפלות.

**ס'איז** דא א לאו אז א נגע טאר מען נישט אראפשניידן. מ'וואלט געקענט אוועקנעמען די נגע וואס ער האט, מ'קען מאכען א אפעראציע און מ'וועט עס אראפנעמען. איז דא א לאו השמר בנגע צרעת אז מ'טאר עס נישט אראפנעמען. ואת הנתק לא יגלח מ'טאר נישט אוועקנעמען דעם נגע. שטייט אין די ראשונים אז דער טעם איז, ווייל אז א מענטש נעמט אוועק דעם נגע, מיינט ער אז די סבה איז געווען דער נגע, דאס איז זיין פראבלעם. און אז ער האט שוין אפגעווישט דעם נגע פון אינדרויסען, דערקענט מען עס שוין נישט. דאס איז נישט דיין פראבלעם דאס איז נאר א סימן פאר דיר אז ס'איז דא א פראבלעם, און דו דארפסט פראבירן צו היילן דעם שורש דערפון אז ס'זאל אוועקגיין. און אז דו וועסט טון וואס מ'דארף צו טון, וועט דער אייבערשטער העלפן אז ס'וועט אוועקגיין.

**און** דאס איז אונזער פליכט ווען ס'איז אין אזא מצב וואס דער אייבערשטער האט געשיקט א קרבן

פארן ציבור. מ'האט פריער געהערט כמה חולי ישראל וואס איז דא ביי אונז אין די קהלה לי"ע. מ'האט אפילו נישט אויסגערעכנט אלע וואס איז דא, דא אין בארא פארק און אין וויליאמסבורג. און וויפיל איז דא וואס מ'ווייזט נישט? אסאך מער איז דא וואס מ'ווייסט נישט פון וויפיל מ'ווייסט יא. וואס מ'באהאלט נאך וואס מ'פראבירט צו באהאלטען און מ'פארציילט נישט. אלעס ווענדט זיך אין אונז. וויסן אז ס'קומט נישט קיין זאך נאר בשביל הרשעים, בשביל די וואס זינדיגען. ונאכל גדיש, דער איז נאר א קרבן אויף וואס ס'האט פאסירט ביי יענעם, אבער ס'איז אונזערע מעשים. מיר דארפן זעהן מתקן צו זיין וואס אונז קען מיר. אונז דארף מיר זעהן מתקן זיין אונזערע מעשים דעמאלטס וועט קומען דער רפואה.

**בדד** ישב מחוץ למחנה. די תורה האט געהייסן אז דער מצורע זאל זיצען בדד מחוץ למחנה. זיין אליין פאר דיר. אין אור החיים הקדוש (אין פרשת מצורע) שטייט די תורה האט אונז געוואלט לערנען, געוועהנליך זאגט מען אז א צרעת קומט פון בדידות, ווען א מענטש איז אפגעזינדערט. ער האט מרה שחורה, ער האט נישט קיין פרייליכקייט אין זיין לעבן, דאס ברענגט צרעת. וואלט דאך געדארפט צו זיין די רפואה דערפאר, אז מ'זאל די מענטש אויפלעבן, מ'זאל אים טראגן אויף א פלאץ וואו מ'קען גוט פארברענגען, מ'קען זיך גוט אינטערהאלטען, און דאס וועט אים ברענגען די רפואה. די תורה זאגט נישט אזוי, נאר בדד ישב מחוץ למחנה, טראג אים ארויס אויף א פלאץ וואו נארמאל ברענגט עס נישט קיין רפואה פאר צרעת. זיצן אליין אפגעזונדערט מחוץ למחנה ברענגט נישט קיין רפואה. אבער ער זאל וויסן אז די רפואה איז נישט דאס וואס דו מיינסט אויסענווענדיג אז ס'איז די רפואה. בדד ישב מחוץ למחנה מושבו, ער זאל זיצען אינדרויסען אויף א פלאץ וואו דאס ברענגט נישט קיין רפואה און וויסן אז די רפואה איז אין די הענט פונעם אייבערשטען. גלייבן אז אלעס איז אין די הענט פון דער רבוש"ע. און טאמער א איד וועט טון וואס מ'דארף צו טון וועט אוועקגיין די סבה וואס דער אייבערשטער האט עס אים געשיקט. דארף ער זיצען בדד מחוץ למחנה.

**מ'האט** פריער גערעדט וועגן די חשיבות הענין פון תפלה. ווי חשוב ס'איז, אז מ'דארף מתפלל זיין. און מ'דארף גלייבן אז יעדע תפלה וואס א איד דאווענט איז עושה רושם. מ'זאל זיך היטן ביים דאווענען, נישט שמועסן ביים דאווענען, נישט ביי קריאת התורה, און נישט אינמיטען פונעם דאווענען. איינע פון די זאכען פארוואס מען ווערן א מצורע איז, ווייל ער האט זיך נישט געהיטן דעם דיבור, מוציא רע דרשינ'ט די גמרא. צרעת

קומט ווייל ער האט גערעדט וואס מ׳דארף נישט. אז מ׳רעדט וואס מ׳דארף נישט, קומט נאך דעם א נגע.

**וועט** מען פרעגן דעם מענטש פארוואס האסטו גערעדט וואס מ׳דארף נישט? ער קען זיך נישט צוריקהאלטען. ער איז אזוי צוגעוואונט צו רעדן און צו רעדן און ער קען זיך נישט צוריק האלטן. האט די תורה געהייסן פאר די מצורע די קענסט זיך נישט צוריק האלטען? בדד ישב מחוץ למחנה. גיי ארויס און זיץ אליין די זיבען טאג, וועסטו נישט האבן צו וועם צו רעדן קיין ווארט, וועסטו זעהן אז מ׳קען שווייגן און מ׳קען זיך צוריקהאלטען. ווען דו וועסט זיצען מחוץ למחנה, וועסטו זעהן אז ווען מ׳האט נישט מיט וועם צו רעדן רעדט מען נישט.

**און** אזוי דארף זיין ווען א איד קומט אין שוהל אריין דאווענען. ער קומט נאר צום רבוש״ע, ס׳איז נאר דא איין רבוש״ע אין שוהל. צו אים קומט ער מתפלל זיין, צו אים קומט ער אויסגיסען זיין הארץ, וואס ביי אים ליגט אלעס אין זיין האנט, געזונט פרנסה, נחת פון קינדער, אלעס איז אין די הענט פונעם אייבערשטען. און ס׳איז נישט דא קיינער דא, איך האב נישט מיט וועם צו רעדן. רעדן וועט מען פארדעם און נאכדעם, אבער נישט אין דעם זמן וואס מ׳דארף דאווענען און עומד זיין בתפלה.

**האט** די תורה געהייסן בדד ישב מחוץ למחנה, זיץ אליין אויף א פלאץ וואו מ׳רעדט נישט, וועסטו זיך צוגעוויינען צו האלטען דאס מויל. נאכדעם ווען דו וועסט אריינקומען אין די מחנה, וועסטו זיך וויסן צו היטן אז מ׳זאל נישט רעדן.

**לכו** ונשובה אל ה׳, האט מען היינט געזאגט ביי יום כיפור קטן, כי הוא טרף וירפאנו. דער אייבערשטער האט עס געברענגט ער האט אונז צוריסען ער האט אונז געשלאגן. דער אייבערשטער איז דער וואס האט אונז געגעבן די קלעפ, ויחבישנו און ער איז דער וואס טוט אונז היילן. אמאל איז דא וואס דער טרף אליין דאס איז דער ירפאינו, וואו מ׳האט פריער געהערט. אסאך מאל טוט דער אייבערשטער צושיקען א זאך כדי אויפציוועקן אונז, אונז זאל מיר מתפלל זיין, דאס איז א רפואה פאר אונז, אז דער אייבערשטער געבט אונז אמאל א זאך כדי אונז אויפציוועקן צו דינען דעם אייבערשטען. זאגט דער פסוק לכו ונשובה אל ה׳, קערט׳ס ענק צוריק צום אייבערשטען. כי הוא טרף, דאס וואס דער אייבערשטער טוט אונז שלאגן, דעם איז וירפאינו דאס איז דער רפואה. יך, דער שלאגן אליין, דאס איז דער יחבישנו, דאס טוט אונז העלפן. ווייל אז מ׳וועקט נתעורר, דאנקט מען נאכדעם דעם אייבערשטן פארוואס דער באשעפער האט צוגעשיקט די

פראבלעם וואס האט אים מעורר געווען נאכדעם זיך צוריקצוקערן צום אייבערשטען.

**מ'האט** שוין געזאגט כל מי שאפשר לבקש רחמים על חבירו און ער בעהט נישט קיין רחמים ווערט ער אנגערופען א חוטא. א שורה שפעטער זאגט די גמרא ואם הוא תלמיד חכם, אויב ער איז א תלמיד חכם. צריך שיחלה עליו, איז מען מחוייב אזויפיל צו דאווענען אויף אים ביז מ'ווערט קראנק פונעם דאווענען. ויחל משה את פני ה' אלקיו אזוי שטייט ביי משה רבינו, ער האט געדאווענט אזויפיל פאר אידן אז ער איז קראנק געווארן פון די תפילות.

**מ'רעדט** דא פון א חבר פונעם כולל וואס זיצט און לערנט שוין אזויפיל יארן, על התורה ועל העבודה. אם הוא תלמיד חכם צריך שיחלה עצמו עליו, מ'דארף זיך פיהלן וואו דאס איז א אייגענע ווייטאג. א מענטש לייע איז אליינס נישט געזונט, דעמאלטס פיהלט ער עס. מ'האט דאך פריער געהערט אז אפילו ביי א נאענטען פיהלט מען עס, איז כ״ש ווען א מענטש לייע איז אליין נישט געזונט, דאווענט ער, און ער איז מתפלל, און ער טוט וואס ער קען טון צוצוברענגען זיין רפואה.

**ווען** א תלמיד חכם שפירט זיך נישט גוט, דארף עס א מענטש אננעמען כאילו ער אליין וואלט נישט געווען געזונט. וואס דו וואלסט געטון ווען דו ביזט אליין נישט געזונט, דאס זאלסטו טון ווען דיין חבר איז נישט געזונט. אם הוא תלמיד חכם אויב דער איז א תלמיד חכם. נישט נאר סתם מ'דארף בעטן רחמים, נאר צריך שיחלה עצמו עליו ער דארף זיך שפירן אליין וואו ער וואלט געווען דער חולה. און וואס ער וואלט געטון און מתפלל געווען פאר זיך אזוי זאל ער טון פארן חבר.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מ'איז זיך צאמגעקומען מיט א רצון זיך צוריקצוקערן צום אייבערשטען. מ'האט געהערט פריער, נעמען אויף זיך עכ״פ אויף א קורצע תקופה, נישט קיין לאנגע צייט. זאל מען אנהייבן אזוי ווי דער מצורע איז געזעצן בדד מחוץ למחנה, אויך נאר אויף א קורצע זמן, כדי אז מ'זאל אים צוגעוויינען דערצו זיך צוריקהאלטען פונעם רעדן. מ'זאל נעמען אויף זיך עכ״פ ביז ל״ג בעומר אז מ'זאל נישט רעדן אין שוהל. נישט רעדן בשעת מ'דאווענט, בשעת מ'לערנט. און יעדער פאר זיך אליין ווייסט דאך נגעי עצמו, וואס ער קען האבען א תיקון, און וואס ער דארף האבן א תיקון. דארף ער זעהן דאס מתקן זיין.

**מ'האט** פריער ארויסגעברענגט די אינטערנעט וואס איז דא. וויפיל מאל מרעדט דערפון האט עס

נישט געברענגט דעם ריכטיגן רושם. א איד דארף וויסן אז א כלי אן א פילטער דאס טוט צוריקהאלטען אלעס. ער דרייעט זיך ארום מיט א שרץ בידו, מיאיז טובל ושרץ בידו. אפילו כל מימות שבעולם קען עס נישט מטהר זיין.

**איך** האב שוין געבעטן זי' אדר, אז ביז ראש חודש ניסן זאל יעדער איינער זעהן, אפילו ער האט א געפילטערטען טעלעפאון, ארויפלייגן דערויף א סטיקער, איז עס פון משומר, פון גדר, פון טעג, נישט קיין נפקא מינה. ס'זאל האבן אויף זיך א סימבאל אז ס'איז כשר. א איד דארף נישט ארויסנעמען א כלי אין די הענט וואס מיקען זאגן דערויף אז ס'איז טריפה. ווען ער האט א סימן דערויף אז ס'איז כשר, סיהאט א צעטיל אויף זיך, א זיגעל דערויף אז ס'איז גוט, איז ער מקדש שם שמים אז ער גייט ארום מיט א ערליכע טעלעפאון. און ער איז א מזכה את הרבים. אז ער גייט אזוי, וועט דער חבר אויך אזוי טון, ביז עס זאל אויסקומען אז עס זאל זיין א בושה אז א מענטש זאל ארויסנעמען פון טאש א טעלעפאון אנדעם וואס ס'זאל האבן אויף זיך א כתב הכשר אז דאס איז גוט.

**קיינער** וואלט נישט גענומען קיין פלייש אין שטוב אריין אויב ס'האט נישט עכ"פ דער מינימום הכשר וואס ס'דארף צו האבן. די כלי איז א טריפה'ינע כלי, און אז ס'האט נישט קיין זיגעל אויף זיך אז ס'איז גוט, דארף מען אזא כלי נישט האלטען אין די הענט.

**און** אז אונז וועל מיר טון וואס מיר קענען טון, איז זיכער אז דער רבושי"ע וועט זיך מרחם זיין אויפן כלל ישראל. דער באשעפער זאל צושיקן א רפואה שלימה, שלח רפואה שלימה לחולי עמיך.

**און** אונז פון אונזער זייט דארף מען מתפלל זיין און מעורר רחמים זיין, ווען ס'קומט אוים. ביים דאווענען, ווען מ'דערמאנט זיך אין א חולה, אינזין האבן און מתפלל זיין. ס'איז נישט נאר אויף א חולה אליין, אז מ'ווייסט אז א חבר פלאגט זיך, אז מ'ווייסט אז ס'גייט ביי יענעם נישט גוט, זאגן א תפלה פאר יענעם, מתפלל זיין פאר יענעם. ס'איז אזוי חשוב וואס א איד איז מתפלל אויף א צווייטען, דער אייבערשטער איז א שומע תפלה און ער הערט צו די תפלות.

**זאל** דער באשעפער געבן מ'זאל קענען מתפלל זיין, ס'זאל זיין אפשר לבקש רחמים על חבירו. דער באשעפער זאל מקבל זיין אלע אונזערע תפלות לרחמים ולרצון. מ'זאל מיר זוכה זיין אינאיינעם אקענן צו גיין משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.